אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**Papa Came Home to Sleep**

by **Mimi Pinzón,** translation by Jonah Lubin

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (February 2024)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/papa-came-home]

# דער טאַטע איז געקומען שלאָפֿן

# Papa Came Home to Sleep

Mimi Pinzón
translated by Jonah Lubin

**Introduction:** Mimi Pinzón is the nom de plume of Adela Weinstein-Shliapochnik. She was born in what is now Ukraine (Belotserkov, near Kiev) in 1910, and moved with her family to Buenos Aires at the age of four.

Pinzón was a very prolific writer, as well as an activist in ICUF (a Communist-aligned Yiddish culture organization) and a teacher in the Argentine Chaim Zhitlovsky Yiddish schools. Alan Astro has written about Pinzón's journalistic activity.[1] In the course of my own research, I have found over 80 published publications attributed to her, many of which have been digitized and are now available online. The bulk of her work is literary criticism: essays on Steinbeck, Shakespeare, I. L. Peretz, Sholem Aleichem, Shomer, Shira Gorshman, Anna Seghers, Pablo Neruda, Vera Panova, and Natasya Petrovna, among others. Pinzón wrote extensively for the official organ of the Argentine ICUF and for *Di Yidishe Froy*, an affiliated publication which she helped found.[2]

Though she was a prolific contributor to Yiddish journals, Pinzón only published one book: *Der hoyf on fentster* ("The Courtyard without Windows") which appeared in 1965 in Buenos Aires. It is the story of a young girl named Etl who, like the author, moves to Argentina at an early age and grows up in a conventillo. The conventillo (literally: "little convent") is for Buenos Aires what the tenement is for New York: the iconic unit of immigrant housing in the Jewish imagination. In conventillos, Galicians (of Iberian origin), Italians, and Jews, among others, lived in small rooms ("tsimerlekh") surrounding courtyards. They shared kitchens and bathrooms. In Pinzón's novel, which I am currently translating into English, Etl navigates the multilingual, multiethnic world of her conventillo and hegemonic Argentine society. The latter usually manifests as

[1] For a detailed biography of Pinzón, see Astro's article on the Jewish Women's Archive website.
[2] For more on ICUF, see Israel Lotersztain, "The Abandonment of Yiddish by the Jewish-Argentine Communist ICUF," *Splendor, Decline, and Rediscovery of Yiddish in Latin America*, vol. 10, Brill, 2018, pp. 69–86.

systems of control: the discipline of teachers, the violence of police.[3]

Alongside literary criticism and chapters from her novel, Pinzón also published short fiction. The story below, “Der tate iz gekumen shlofn” (translated here as “Papa Came Home To Sleep”) was originally published in the Argentine ICUF journal in July of 1946.[4] Like *Der hoyf on fentster*, the following story deals with a young woman's experience of life in the conventillo, of intruding sexuality, of economic exploitation, and of Argentine-Jewish polyglossia. These themes are developed through the narrator’s observation of her older family members: her mother, who has a stall at the market; her father, who does brutal work as a tanner; and her sister, Leah, whose obscure romance might drive her from her family.

One of the primary difficulties in translating Pinzón is her Argentine-Yiddish. Spanish and Spanish-derived or -influenced terms appear often in her writing and they are rarely demarcated from the rest of the text. When Pinzón uses Spanish, my usual solution is to use Spanish as well, unitalicized. Pinzón does not cordon her Spanish words off, and I find that typographical distinction unnecessary in American English. This general solution, however, is trickier when a word is not Spanish per se, but Spanish-influenced: the appellation of Leah's boyfriend, for example. In the Yiddish, he is called "'דער שוואַרצער,'" with Pinzón’s quotes around the term implying it is a nickname. I had initially thought to leave the name in transliterated Yiddish ("der shvartser"), assuming that the racial connotations associated with the word in English equally applied to the word in Argentine Yiddish.[5] I later learned that in Argentine Spanish "el negro" does not necessarily have the racial connotations of English "shvartser," and can indeed simply be used as a term of endearment for someone with brown hair or black eyes. As such, I decided upon "her dark friend."

The close contact of American English with Spanish allows for the polyglossic dimensions of Argentine Yiddish to be translated with relative ease. This is a particular affordance of American English which lets some degree of the composite nature of Argentine Yiddish shine through. On the other hand, most readers of English do not have the same familiarity with the languages that are so often interwoven in Central and Eastern European Yiddish texts. In such cases, to do justice to the German, Polish, Russian, and Ukrainian terms that appear in Yiddish, subtler translation methods are necessary.

*This translation was made possible by the Yiddish Book Center’s Translation Fellowship.*

---

[3] For more on this see Joanna Meadvin, “At Heym in the Hoyf: Mimi Pinzón’s Argentine Yiddish World,” *Prooftexts* 36, no. 1–2 (2017): pp. 167–89.

[4] Mimi Pinzón, “Der tate iz gekumen shlofn,” *ICUF*, vol. 45, July 1946, pp. 15-18.

[5] For more on this see Jonah S. Boyarin, Ri J. Turner, and Arun Viswanath, “‘Black Lives Matter’ and Talking about Blackness in Yiddish: Stakes, Considerations, and Open Questions.” *In Geveb,* https://ingeveb.org/blog/black-lives-matter-in-yiddish.

# Papa Came Home to Sleep

That day was remarkable for two reasons: Leah left, and Papa came home to sleep. I remember that day from its very beginning. It went like this: I was asleep next to my mother in my parent's big, marital bed. Yankl and Berl slept together on one little bed and Leah slept on the other, all by herself like a princess. The apartment was still dark. Mama lay there for a little with open eyes. She had just woken up, and you could tell because right after she woke up her face did not frown so pointedly, the deep creases at the sides of her mouth weren't so pronounced, and neither were the many, delicate wrinkles around her eyes, which, when she was angry, fractured like splintering glass. No. Mama never woke up angry. Sometimes she even smiled as if she'd been dreaming happy dreams. One time, looking at her through half-shut eyes, I even thought I heard her humming a tune. But maybe I just dreamed that.

Mama yawned her fill then sat up. She searched for her worn-out zapatillas, her sapatizhes, and as soon as her feet touched the floor, her face lost its early-morning restfulness, the roomy breadth of dreams. It became severe and delicately wrinkled. She started complaining that we slept too much, that she was tired of carrying two healthy brats on her back. All they knew how to do was run around the street, tearing their pants, wearing out their zapatillas. She yelled at Leah that she'd be late for work, that she'd lose that little job of hers — not like it did much good anyway, since she spent all her money on silk socks, lipstick, and nail polish.

Cursing, complaining, Mama went out to the courtyard. I heard her dragging the trash cans to the gate, heard her washing at the courtyard tap, pumping the Primus stove, banging the yerba and sugar cans. Having washed up, she returned to the room. Her anger had abated somewhat. At the mirror on the cupboard door she combed her sparse, grey-blonde hair, its ends red and frayed from a bad perm.

"Get up Nyatele," she said, no longer angry. "Make Leah and the boys something to drink."  (Take the anger away and the brats were "boys" again.). "Fry up a couple berenjenas for lunch and I'll bring something from the mercado."

Mama had a stall at the mercado. There she sold little pieces of silk, wool, canvas —scraps of fabric she bought by the kilo and sorted in her little room: silk to silk, wool to wool, canvas to canvas. That little room—“the tsimerl” — was her warehouse and her treasury. Every evening she would retreat to the room and work till late at night. I was her only assistant. She wouldn't let the boys in or all hell would break loose. Once they snuck in, made a giant ball from a pack of rags and started throwing it and kicking it around. If Mama hadn't come back in time, they would've made a real mess. Leah wouldn't set foot in there for all the money in the world: the tsimerl used to be a shed — there was no floor and it stunk of musty rags and mice.

~~~
~~~

Once Mama left, the apartment was quiet for a while. The boys sat on their bed and played with their figuritas. The clock struck seven and, as if that was a sort of signal, the quiet gave way to the day's normal commotion. The boys started fighting over the figuritas and their struggle became so violent that the iron bed danced and groaned beneath them. Leah sat up and, her eyes still half-closed, took a shoe and threw it at them. Then, barefoot and wearing nothing but a black silk slip, she went out into the courtyard to wash. When she came back, I served her the first maté of the day.

“Nyata,” she said to me, taking the maté, “run and get me my needle and thread. I have a loose stitch in my socks. The ones that cost 2.90!" I knew those socks. They were packed in a nice little box and had been given to her by "her dark friend," as we called him, the guy she went dancing with every Sunday afternoon at the matinées — the guy who Mama told that if she caught him and Leah standing in the dark at the gate to the street, she would pour boiling water on him, and as for Leah — she'd break her arms and legs and then she wouldn't feel like dancing anymore. I knew but pretended I didn't. If Leah said two pesos ninety cents, then that's how much she paid: she told me to bring her needle-and-thread, so I did.[6]

And so with just a couple minutes before work, Leah mended her socks like she did every morning. Waking up a couple minutes earlier — that wouldn't do. No matter what tricks Mama pulled, like turning the clock fifteen minutes forward — whether walking to school or running to work, we knew that the clock was set back 15 minutes. And still we were late every time.

Leah stood with her back to the wall and one foot propped on the chair — and I, maté in hand, stared at her and didn't know why. My sister was the prettiest girl on the block — everyone said so. She could be walking down the street with a whole group of girls, but they'd only look at her. Her socks weren't always intact, but she always had a manicure. She did her lipstick in the shape of a heart. She was blonde, not very tall, with thin hips and small, peaked breasts that always poked through her sweater or blouse. She often complained to me that she didn't want to waste her life sitting around in that miserable one-room apartment, with a mother who did nothing but curse and moan and with a father who, if he was ever even home, sat silently or slept. “I just feel bad for you, Nyatita,” she'd say.

That morning, as she was standing there with one foot on the chair, mending her sock, I thought she'd say something like that. And it seemed to me she'd say something else, too. Something very important both for me and for her. But what she said was:

"Nyatita, tell Mama I won't be home for lunch." And then she was gone.

---

[6] Though these numbers could be interpreted as referring to the weight of the yarn, the context here implies that 2.90 refers to the price: two pesos, ninety centavos. Perhaps in an attempt to hide their origin as a gift, Leah names the price herself.

I did everything Mama told me to. I gave my little brothers something to drink and they went right out to the street. I cleaned up the apartment and then I started on lunch. Mama loved to read old magazines (we never bought new ones) and in one of them she'd read of the great nutritional potential of berenjenas. They were blue tomatoes, and very cheap, especially in the summer.[7] All you had to do was roast them, then chop them up with some oil and some onion, and they were ready to eat, just like that. If there was something else to eat, then that was the appetizer. If there was some left over, then we ate it with bread and washed it down with maté. That was our favorite dish. If you came into our kitchen you'd always find berenjenas: roasting on the fire, chopped up on the cutting board. And whoever came in couldn't resist giving them a couple chops with the cleaver.

By the time Mama came home, the berenjenas were ready to eat. The kitchen table was covered with newspaper. Mama brought home a piece of sausage and a sour pickle. The two of us sat in the little wooden kitchen and feasted. She spoke to me like an equal and told me the mercado gossip. That's how I found out which woman had gotten an abortion because she was tired of having children. Or that a certain lady had caught her husband with a shiksa and got a fur coat for her trouble. She told me all this plainly, without hemming and hawing, in a language spiced with jokes and quips. It was on account of those quips that she was embroiled in quarrels with half the women in the mercado. Not like it bothered her. She could always find a new friend and soon enough they'd be inseparable, know every little thing about the other. Then they'd start fighting too. Once she was done eating, Mama went off to meet one such friend. She even told me: I'm going to see Gitl. There's something I need to find out right away. When there was something my Mama had to "find out right away," that meant she was pretty far along in the friendship.

I wanted to leave the kitchen as soon as possible so I hurried with the dishes. In the summer — my Mama would say — you could bake pastry on its sheet-metal roof. I did the dishes quickly and sang the tango Leah had brought back from last Sunday's matinée:

"I've tasted every love
my poor body can take no more
my soul feels nothing now
but love for my holy maaa-ma."

The courtyard gate creaked open. Someone was walking on the patio. I looked through the kitchen window.

---

[7] In Romanian, "pătlăgea" refers to both tomatoes and eggplants. The two are distinguished by the adjectives "roșie" ("red") and "vânătă" ("dark blue, purple"). As such, it seemed that Pinzón's "bloyer pomidor" ("blue tomato") could be simply a gloss of "berenjena" ("eggplant"). Further research, however, determined that this phrase was not in common usage. It is absent, for example, from Shechter's Geviksn-velt in Yidish, which contains many other words for eggplant. As such, I have decided to leave the phrase as "blue tomato," which evokes the size and shape of the particular eggplants that the family ate.

"Papa's home!" He walked to our apartment with heavy, broad, somewhat unsteady steps. I ran up to meet him and I was so happy I didn't know what to do. He was happy to see me too, but we didn't hug or kiss. We rarely hugged, let alone kissed. He lay his big, coarse hand on my shoulder, gave me a kind, bashful smile, looked at me with his seeing eye while the other one, the blind one, squinted as if it was looking into the sun. After a short while he sat down on a low, straw stool and rested his broad back against the wall. I served him hot, foaming matés, one after the other.

Slowly, methodically, he asked me about Mama, about Leah, about the boys, and after each answer he let out a long, satisfied: "I see..."

As though I'd told him earth-shattering news and not the mundane happenings of our lives, which he knew just as well as I did.

I looked at him and thought: why is he like this? Why was he never strict, never mean like other fathers? Why didn't he make sure the house was in good order? Why did he let Mama run around all day, too busy to take care of the household, of us?  She was even too busy to send the boys to school,wearing clean, white smocks, like the other kids from the block. And there was something going on with Leah for sure. And what did he do? He sat there, and the fact that our home wasn't decent didn't bother him at all. In fact, nothing bothered him. It was all alright as far as he was concerned. He was always so kind and lethargic when he came home and he always smelled sharply of raw fur. That day, he had come back from working ten days in a row, salting furs on the keel of a ship that would take them away to somewhere on the other side of the ocean. He'd worked ten days without stopping, earned a couple pesos, and then come home to rest. But, like it always was when he came home, he was too tired to fall asleep. When he was in such a state, Mama would brew him a tea with linden flowers, which would help him fall asleep. He'd laugh at her old wives' remedy and squint with his seeing eye. He'd say:

"There are people who can't sleep because they're too well rested. But me... Exhaustion takes my sleep away."

But just then Mama entered. When she saw Papa there, she immediately started giving orders:

"Well look at that: it's Moyshe! Just got back? Why are you sitting here? Go, go take a cold shower. You'll feel better! Nyatele, go make your papa a maté! Oh, you've already had one? Well then get the bed ready for him. Go, Moyshe, lie down. You must be really tired. I bet you've worked yourself half to death."

"Sha, Malke. Not so loud. You're making such a fuss over me." Papa answered good-naturedly. "I don't want to sleep yet. Why don't you come sit down a while and we can have a nice, relaxed talk."

Mama took a stool and sat down next to him. She sent me out to the street to "play," telling me quietly to find the "little bastards" and send them home so they'd see the inside of the apartment at least once that day.

~~~

It was late at night when I came back. The boys were sleeping like the dead. But Papa was still sitting in the courtyard on a low stool with the back of his head against the wall, taking in the fresh air. Mama tried to get him to go to bed but he would not go.

"You know, I don't even want to sleep anymore." He said, "and I hope the capataz can eat as much as I want to sleep. You hear me Malke? He can go to hell. We work day and a night, then another day, and another night, and he notices we're slowing down. Our eyes start closing, our hands become swollen and heavy like blocks of wood. The salt burns our skin like fire. And he sees that the piles of fur aren't getting any smaller and then he just goes crazy. He starts running around like a lunatic, cursing us with 'your mother this, your mother's mother that.' He pours us black coffee and cognac as though they were water. He runs from one person to the next, 'encouraging' us. He promises us all sorts of rewards, higher and higher wages. But then, once the salting was done — he goes cold as ice. Forgets all his promises. Not buddy-buddy anymore, no. He doesn't curse at us either. It's like he doesn't even know us. Do you hear what I'm saying to you, Malke? A bitter piece of bread. Working myself to pieces for a couple pesos. And for what? It doesn't look like we'll be rich any time soon. Bah, I'll go lie down. Malke, maybe you have some sort of cream for my hands? They really hurt."

Mama gave him some cream Leah used on her face. She went off to the kitchen to make him linden flower tea. Maybe that would help him sleep. She called me in and whispered that if Papa asked I should tell him: Leah was spending the night at Aunt Rifke's. And she told me to sleep in Leah's bed. I could tell as she spoke that she was very angry at Leah. But at the same time it seemed she knew for sure where Leah was, and why she wasn't coming home.

My head really hurt. I lay down in bed. But before I fell asleep, I lifted my head from the pillow and saw: the electric lamp, its newspaper shade clamped together with a clothespin; Papa was lying in bed; Mama sat at the table under the lamplight. She held her head in both hands. I heard, as if through sleep: "...disgusting girl...never bothered her...never got in her way...went wherever she wanted, did whatever she liked. Did she ever go hungry? And now she's up and left home. Didn't even come back to sleep..."

Little by little her voice went quiet. I could have sworn she was crying. I heard snoring from the bed: Papa was sleeping.
~~~

## דער טאַטע איז געקומען שלאָפֿן

יענער טאָג האָט זיך בײַ אונדז אויסגעצייכנט מיט צוויי געשעענישן: לאה איז אַוועק פֿון שטוב און דער טאַטע איז געקומען שלאָפֿן. דעם טאָג געדענק איך פֿון סאַמע אָנהייב. ס'איז געווען אַזוי: אין גרויסן מאַן־און־ווײַב־בעט בין איך געשלאָפֿן מיט דער מאַמען; אויף איין בעטל — יאַנקל מיט בערלען. אויף דעם אַנדערן, איינע אַליין, ווי אַ פּריצטע — לאה. אין צימער איז נאָך געווען טונקל. די מאַמע איז אַ ווײַלע געלעגן מיט אָפֿענע אויגן. קענטיק, אַז זי האָט זיך ערשט אויפֿגעכאַפּט. באַלד נאָכן אויפֿוואַכן פֿון שלאָף, איז בײַ איר דאָס פּנים נישט אַזוי שאַרף פֿאַרשפּיצט, עס זעען זיך אַזוי שטאַרק ניט אָן די צוויי טיפֿע קנייטשן בײַם מויל און די פֿיל דריבנינקע קנייטשעלעך אַרום די אויגן, וואָס ווערן ווי פּיצלעך געפּלאַצט גלאָז, ווען זי איז אין כּעס. ניין. בײַם אויפֿכאַפּן זיך איז די מאַמע ניט אין כּעס, אַ מאָל שמייכלט זי אַפֿילו, ווי עס זאָלן זיך איר האָבן געחלומט גוטע, פֿריילעכע זאַכן. איין מאָל, ווען איך האָב אַזוי געקוקט אויף איר דורך די האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך מיר אַפֿילו געדוכט, אַז איך הער ווי זי ברומט עפּעס אַ ניגון. און אפֿשר האָט זיך עס מיר געחלומט.

די מאַמע האָט זיך אויסגעגענעצט, זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט; געזוכט, געזוכט אונטערן בעט די אויסגעטראָטענע סאַפּאַטיזשעס, און באַלד ווי זי האָט אַראָפּגעשטעלט די פֿיס אויף דער ערד, פֿאַרלירט איר פּנים די פֿרימאָרגנדיקע אויסגערוטקייט און די רחבֿותדיקייט פֿון בײַנאַכטיקע חלומות. עס ווערט ווידער שאַרף אָנגעשפּיצט און דריבנע געקנייטשט. זי הייבט אָן בורטשען, אַז מיר שלאָפֿן צו פֿיל, אַז זי איז שוין מיד אויסצוהאַלטן אויף אירע פּלייצעס אַזעלכע צוויי געזונטע יונגאַטשעס, וואָס ווייסן נאָר אַרומלויפֿן אין גאַס, צערײַסן הויזן און אויסטרעטן סאַפּאַטיזשעס; אויף לאהן שרײַט זי אַז די מויד וועט ווידער פֿאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט און פֿאַרלירן דאָס שטיקל שטעלע, וואָס מען ווערט סײַ ווי פֿון דעם ניט גליקלעך, ווײַל דאָס גאַנצע דאָברע־מזל גייט אַרײַן אין די זײַדענע זאָקן, אין פֿאַרב צו די ליפּן און לאַק אויף די נעגל.

בורטשענדיק און שעלטנדיק גייט די מאַמע אַרויס אויפֿן הויף. איך הער, ווי זי שלעפּט דעם קאַסטן מיסט איבערן הייפֿל צום טויער. ווי זי וואַשט זיך בײַם קראַן אין דרויסן, ווי זי פּאָמפּעט דעם פּרימוס, קלאַפּט מיט די צוקער־זשערבע־פּושקעס. ווען זי קומט צוריק אַרײַן אין צימער, אַן אָפּגעוואַשענע, איז בײַ איר דער כּעס אַ ביסל אָפּגעגאַנגען. זי קעמט זיך פֿאַרן שאַפֿע־שפּיגל די שיטערלעכע, גרוילער־בלאָנדע האָר, וואָס זײַנען אין די שפּיצן רויטלעך אַרומגעצופּט פֿון אַ שלעכט־אײַנגעגעבענער פּערמאַנענטע.

— שטיי אויף, ניאַטעלע — זאָגט זי שוין אָן כּעס. וועסט מאַכן טרינקען פֿאַר לאהן מיט די קינדער. (אַז אויס כּעס, ווערט פֿון די געזונטע יונגאַטשעס, צוריק — קינדער.) צום מיטיק זאָלסטו נאָר אָפּבראָטן אַ פּאָר בערעכענעס. דאָס איבעריקע וועל איך שוין ברענגען פֿון דער מערקאַדע.

אין מערקאַדע האָט די מאַמע אַ שטעלעכל. זי פֿאַרקויפֿט דאָרט אַלערליי „שטיקלעך" זײַד, וואָלנס, לײַוונט — אָפּפֿאַל פֿון סחורות, וואָס זי קויפֿט אויף אויפֿן קילאָ און סאָרטירט עס פֿריִער אויס בײַ זיך אין צימערל: זײַד צו זײַד, וואָלנס צו וואָלנס, לײַוונט צו לײַוונט. דאָס „צימערל" — דאָס איז איר שאַצקאַמער און איר סחורה־לאַגער. דאָרט פֿאַרקלײַבט זי זיך אַלע אָוונט און אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָרט בין איך איר איינציקע אַרויסהעלפֿערקע, ווײַל די ייִנגלעך וועט זי אַהין ניט אַרײַנלאָזן, זיי וועלן איר דאָרט אָנטאָן חושך. זיי האָבן זיך שוין אַהין אַ מאָל אַרײַנגעכאַפּט, געמאַכט פֿון אַ גאַנצן פּאַק שמאַטעס אַ ריזיקן באָל און גענומען אַרבעטן מיט די הענט און מיט די פֿיס — ווען די מאַמע גייט בײַ צײַטנס ניט אַרײַן, מאַכן זיי דאָרט אַ חורבן. לאה — זי וועט אַהין נישט אַרײַנשמעקן, מען זאָל זי אָפּגילטן: דאָס „צימערל" איז אַ מאָל געווען אַזאַ שטיקל קאַמער, קיין פֿאָל איז ניטאָ, און עס שטינקט דאָרט מיט טוכלע שמאַטעס און מיט מײַז.

~~~

אַז די מאַמע איז אַוועק, איז אַ שטיקל צײַט געווען שטיל אין שטוב. די ייִנגלעך זײַנען געזעסן אויפֿן בעטל און געשפּילט אין פֿיגוריטעס. דערנאָך האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן זיבן. ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ סיגנאַל — איז די שטילקייט אויסגעביטן געוואָרן אויף דעם געוויינטלעכן, טאָג־טעגלעכן טומל. די ייִנגלעך האָבן זיך צעשלאָגן איבער די פֿיגוריטעס און זיך אַזוי גענומען רײַסן, אַז דאָס אײַזערנע בעטל האָט געטאַנצט און געקרעכצט אונטער זיי. לאה האָט זיך אויפֿגעזעצט און נאָך מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן אַ כאַפּ געטאָן אַ
~~~

שוך און געוואָרפֿן אויף זיי. דערנאָך איז זי אין הוילן שוואַרצן זײַדענעם אונטערקלייד, מיט באָרוועסע פֿיס, אַרויס אויפֿן הויף זיך וואַשן. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָב איך איר שוין אונטערגעטראָגן די ערשטע מאַטע.

— לויף ניאַטאַ, — האָט זי צו מיר געזאָגט, נעמענדיק די מאַטע — ברענג מיר אַ נאָדל־פֿאָדעם. עס האָט זיך מיר ווידער אַראָפּגעלאָזט אַן אייגל פֿון זאָק. זאָקן פֿון צוויי נײַנציק! איך האָב בײַ זיך געוווּסט, אַז די זאָקן, פֿאַרפּאַקט אין אַ זייער שיין קעסטעלע, האָט איר געשענקט דער „שוואַרצער" — אָט אָ דער מיט וועמען זי גייט אַלע זונטיק בײַ טאָג טאַנצן אויף די „מאַטינעס" — און וואָס די מאַמע האָט אויף אים געזאָגט, אַז אויב זי וועט אים פּאַקן מיט לאהן שטיין אין דער פֿינצטער הינטערן גאַסטויער — וועט זי אים אָפּגיסן מיט הייס וואַסער און לאהן — לאהן וועט זי אויסדרייען הענט און פֿיס — וועט זיך איר שוין אָפּגלוסטן פֿון טאַנצן. כ'האָב געוווּסט — אָבער זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. לאה האָט געזאָגט צוויי מיט נײַנציק — זאָל זײַן צוויי מיט נײַנציק; געהייסן, כ'זאָל איר ברענגען אַ נאָדל־פֿאָדעם — האָב איך איר געבראַכט.

און פּונקט ווי אַלע טאָג, אַ פּאָר מינוט פֿאַרן גיין צו דער אַרבעט — האָט לאה אויף גיך פֿאַרצירעוועט די זאָקן. אויפֿשטיין מיט אַ פּאָר מינוט פֿריִער — דאָס ניט. וויפֿל די מאַמע האָט זיך נישט געקליגערט, גערוקט דעם זייגער פֿאָרויס אויף אַ פֿערטל שעה — מיר האָבן געוווּסט — צי בײַם גיין אין שול, צי בײַם לויפֿן צו דער אַרבעט — „דער זייגער לויפֿט אויף אַ פֿערטל שעה". און טאַקע אַלע מאָל פֿאַרשפּעטיקט.

לאה איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צו דער טיר, איין פֿוס אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ בענקל — און איך, מיט דער מאַטע אין האַנט, האָב זיך פֿאַרקוקט אויף איר — אַליין ניט ווויסנדיק פֿאַר וואָס. מײַן שוועסטער איז דאָס שענסטע מיידל פֿון גאַס — אַזוי האָבן אַלע געזאָגט. זי האָט געמעגט גיין מיט וויפֿל מיידלעך איבער דער גאַס, געקוקט האָט מען אויף איר. די זאָקן זײַנען ניט אַלע מאָל געווען גאַנץ, אָבער די נעגל — מאַניקירט. און די ליפּן, אויסגעפֿאָרבן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ האַרץ. געווען איז זי אַ בלאָנדע, נישט גאָר קיין הויכע, מיט דינע היפֿטן און קליינע, שפּיציקע ברוסטן וואָס האָבן שטענדיק אַרויסגעשטאַרטשעט פֿון בלוזקע אָדער פֿון סוועטער. פֿאַר מיר פֿלעגט זי זיך ניט זעלטן קלאָגן, אַז ס'איז איר אַ שאָד אָפּצופֿינצטערן אַ לעבן אינעם אָפּגעלאָזטן צימער, מיט דער מאַמען וואָס בורטשעט און שעלט, מיטן טאַטן, וואָס אַז ער קומט אַהיים, ווייסט ער נאָר שווײַגן און שלאָפֿן... — נאָר דו ביסט מיר אַ שאָד, ניאַטיטאַ — פֿלעגט זי זאָגן.

אָט דעם טאָג, בעת זי איז געשטאַנען מיט איין פֿוס אויפֿן בענקל און פֿאַרצירעוועט דעם זאָק, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז זי וועט נעמען רעדן צו מיר טאַקע וועגן אָט די זאַכן. און נאָך האָט זיך מיר אויסגעדוכט — אַז עפּעס, זייער וויכטיקס, סײַ פֿאַר מיר, סײַ פֿאַר איר, וועט זי מיר באַלד זאָגן. אָבער געזאָגט האָט זי גאָר:

— ניאַטיטאַ, וועסט זאָגן דער מאַמען: קיין מיטיק וועל איך הײַנט ניט קומען עסן. — און זי איז אַוועק.

כ'האָב געטאָן אַלץ וואָס די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט. געגעבן די קינדער טרינקען, און זיי זײַנען גלײַך אַרויס אין גאַס. צוגערוימט דאָס צימער. דערנאָך האָב איך זיך גענומען צום מיטיק. מײַן מאַמע, וואָס האָט זייער ליב געהאַט אַרײַנצוקוקן אין אַלטע זשורנאַלן, — קיין נײַע האָט מען בײַ אונדז נישט געקויפֿט — האָט ערגעץ געלייענט וועגן דער גרויסער נאַרהאַפֿטיקייט פֿון בערעכענעס. דאָס איז אַ בלויער פּאָמידאָר, וואָס קאָסט ביליק, איבער הויפּט זומער. מען בראָט עס אָפּ, מען האַקט עס אײַן מיט אַ ציבעלע, מיט אַ ביסל בוימל — און פֿאַרטיק. איז געווען נאָך עפּעס צו עסן, איז דאָס בײַ אונדז געווען די פֿאָרשפּײַז. איז איבערגעבליבן אַ ביסל, האָט מען דאָס געגעסן מיט ברויט און פֿאַרטרונקען מיט אַ מאַטע. דאָס איז געווען אונדזער באַשטענדיקער מאכל. ווען מען איז אַרײַן אין קיך, האָט מען געקאָנט זען בערעכענעס. זיך בראָטנדיק אויפֿן פֿײַער, אָדער זיך „האַקנדיק" אויפֿן ברעטל. און ווער ס'איז אַרײַן, האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן — דערלאַנגט אַ פּאָר האַק מיטן האַקמעסער.

אַז די מאַמע איז געקומען, זײַנען שוין בײַ מיר די בערעכענעס געווען פֿאַרטיק. דער קיכטיש — פֿאַרשפּרייט מיט אַ צײַטונג. די מאַמע האָט געבראַכט אַ שטיק וווּרשט מיט אַ זויערער אוגערקע. זײַנען מיר געזעסן ביידע אין קליינעם הילצערנעם קיכל און געפּראַוועט אַ סעודה. די מאַמע, וואָס האָט מיט מיר גערעדט ווי מיט אַ גלײַכן, האָט מיר דערציילט פֿאַרשיידענע מעשׂיות און פּליאָטקעס פֿון דער מערקאַדע. אַזוי פֿלעג איך זיך אָפּטערוויסן — וועלכע פֿרוי עס האָט זיך געמאַכט אַן אַבאָרט, ווײַל איר איז שוין מיאוס געוואָרן צו קינדלען. אָדער אַז די און די „בעל־הביתטע" האָט געפּאַקט דעם מאַן מיט דער „שיקסע" — און זיך דערפֿאַר באַנײַט מיט אַ פֿוטערנעם מאַנטל. די מאַמע פֿלעגט דאָס אַלץ דערציילן מיר פּשוט, אָן שום העוויות, אין אַ שפּראַך, אַ באַווירצטער מיט וויצן און גלײַכווערטלעך. טאַקע צוליב אָט די גלײַכווערטלעך אירע איז זי געווען צעקריגט מיט העכער האַלב ווײַבער פֿון דער מערקאַדע. אָבער זי האָט זיך דערפֿון ווינציק וואָס גענומען צום האַרצן. זי פֿלעגט זיך אַלע מאָל געפֿינען אַ נײַע חבֿרטע, ניט געקאָנט אויסקומען איינע אָן דער אַנדערער, געוווּסט וואָס עס טוט זיך בײַ יענער אונטערן נאָגל, ביז — מען האָט זיך צעקריגט. באַלד נאָכן עסן איז די

מאַמע אַוועק צו אַזאַ חבֿרטע אירער. זי האָט טאַקע געזאָגט צו מיר: איך גיי צו צו גיטלען. איך מוז זיך זייער נייטיק עפּעס דערוויסן. אַז מײַן מאַמע, האָט זיך „געמוזט‟ עפּעס זייער נייטיק דערוויסן, איז אַ סימן — עס האַלט שוין גאָר ווײַט.

כ'האָב זיך געאײַלט צו צעוואַשן די פּאָר טעלער, וואָס גיכער אַרויס פֿון קיך. בײַ אונדז אין קיך — אַזוי פֿלעגט די מאַמע זאָגן — האָט מען זומער געקאָנט באַקן געבעקס אויפֿן בלעכענעם דאַך, אַזוי הייס איז דאָרט געווען. כ'האָב צעוואַשן די טעלער, זיך געאײַלט און געזונגען דעם טאַנגאָ וואָס לאה האָט דעם לעצטן זונטיק געבראַכט פֿון דעם „מאַטינע‟:

— „כ'האָב פֿון אַלע ליבעס שוין גענאָסן,
מײַן גוף דער קראַנקער — קאָן ניט מער,
מײַן נשמה קאָן שוין גאָרניט פֿילן
אַחוץ דער ליבע צו מײַן הייליקער מאַ-מעניו.

עמעצער האָט געעפֿנט די טיר פֿונעם הייפֿל. טריט האָבן זיך דערהערט איבער דער פּאַטיע. כ'האָב אַרויסגעקוקט דורכן קיכפֿענצטערל.

— דער טאַטע איז געקומען! — מיט שווערע, ברייטע, אַ ביסל זיך וואַקלענדיקע טריט האָט ער געשפּאַנט צו אונדזער צימער. איך בין אים געלאָפֿן אַנטקעגן און פֿאַר פֿרייד נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אויך דער טאַטע האָט זיך מיט מיר געפֿרייט: ער האָט מיך ניט אַרומגעכאַפּט, מיט מיר זיך ניט געקושט — בײַ אונדז פֿלעגט מען זיך זעלטן אַרומנעמען, נאָך זעלטענער — קושן. ער האָט נאָר אַרויפֿגעלייגט זײַן גרויסע, שאָרסקע האַנט אויף מײַן אַקסל, פֿאַרלעגן און גוט געשמייכלט, קוקנדיק אויף מיר מיט זײַן זעענדיק אויג, בעת דאָס אַנדערע — דאָס בלינדע, האָט זיך געזשמורעט, ווי פֿון צו פֿיל זון. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געזעסן אויף אַ נידעריק שטויען בענקעלע, די ברייטע פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. און איך האָב אים אונטערגעטראָגן איין הייסע, שוימענדיקע מאַטע נאָך דער אַנדערער.

ער האָט מיך פֿאַמעלעך, מיט אַ סדר, אויסגעפֿרעגט אויף דער מאַמען, אויף לאהן, אויף די ייִנגלעך, אויסלאָזנדיק נאָך יעדן ענטפֿער מײַנעם מיט אַ לאַנגן צופֿרידענעם: „אַזוי...‟

גלײַך איך וואָלט אים דאָ די גוואַלדיקסטע נײַעס דערציילט, ניט די פּשוטע, טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען פֿון אונדזער לעבן, וואָס זײַנען אים פֿונקט אַזוי היימיש און באַקאַנט ווי מיר.

איך האָב געקוקט אויף אים און זיך געטראַכט: פֿאַר וואָס איז ער אַזאַ, דער טאַטע מײַנער? פֿאַר וואָס איז ער נישט קיין שטרענגער, קיין בייזער, ווי אַנדערע טאַטעס? פֿאַר וואָס זאָל ער ניט זען, אַז ס'זאָל זײַן אַ שטיקל טאָלק בײַ אונדז אין שטוב, אַז די מאַמע זאָל ווינציקער אַרומלויפֿן און האַנדלען, און בעסער אַכטונג געבן אויף דער שטוב, אויף אונדז? אַז די קינדער זאָלן גיין אין שול, מיט בלאַנקענדיק ווײַסע כאַלאַטלעך, ווי די אַנדערע קינדער פֿון אונדזער גאַס. און לאה — מיט לאהן איז די לעצטע צײַט גאָר ניט גלאַטיק. און ער?

— אָט זיצט ער, דער טאַטע מײַנער, און עס אַרט אים עפּעס גאָר נישט, וואָס די שטוב אונדזערע איז ניט ווי בײַ לײַטן. עס אַרט אים בכּלל קיין מאָל ניט פֿאַר קיין זאַך. און אַלצדינג איז בײַ אים רעכט. שטענדיק איז ער אַזאַ — אַ שווערער, אַ גוטער און אַ מידער. און שטענדיק הערט זיך פֿון אים אַ שאַרפֿער ריח פֿון רויער פֿעל. דאָס האָט ער איצט אָפּגעאַרבעט צען טעג נאָך אַנאַנד בײַם זאַלצן די רויע פֿעלן, אין אַ קעלער פֿון אַ שיף, וואָס וועט זיי נאָך דעם אַוועקפֿירן ערגעץ אויף יענער זײַט ימען. צען טעג האָט ער אָפּגעאַרבעט אָן אויפֿהער, פֿאַרדינט אַ פּאָר פּעזעס — און איצט איז ער געקומען אַהיים זיך אָפּרוען. אָבער ווי שטענדיק, ווען ער קומט אַהיים, קאָן ער שוין פֿון גרויס מידקייט אַזש ניט שלאָפֿן. די מאַמע מוז אים דעמאָלט פֿאַרפֿאַרען אַזאַ טיי פֿון ליפּעווע צוויט, וואָס זאָל אים העלפֿן אײַנשלאָפֿן. דער טאַטע לאַכט פֿון דער מאַמעס באַבסקן טיי, זשמורענדיק דאָס זעענדיקע אויג; ער זאָגט:

— ווער סע קאָן ניט שלאָפֿן פֿון גרויס אויסגערוטקייט, איך — בײַ מיר ווערט דער שלאָף אָפּגענומען פֿון גרויס מידקייט.

נאָר אָט איז טאַקע אַרײַן די מאַמע, דערזען דעם טאַטן האָט זי גלײַך גענומען קאָמאַנדעווען:

— זע נאָר, משה! ערשט געקומען? וואָס זשע זיצסטו? גיי, מאַך זיך אַ קאַלטן טוש, וועסטו זיך מחיה זײַן! לויף, ניאַטעלע, מאַך אַ מאַטע פֿאַרן טאַטן! שוין געטרונקען? נו גיי, בעט אויס דאָס בעט, וועט זיך דער טאַטע לייגן. גיי, משה, לייג דיך צו. ביסט דאָך מסתּמא גוט מיד, זיך גוט אָנגעמאָרדעוועט, אַיאָ? —

— שאַ, מלכּה, פּילדער ניט. דו מאַכסט אָן אַ ווינט אַרום מיר — האָט דער טאַטע גוטמוטיק געענטפֿערט.

— איך וויל שוין נישט שלאָפֿן. קום בעסער אַהער, זעץ זיך צו אַ ביסל. רעד אויס אַ וואָרט אָן רעש.

די מאַמע האָט גענומען אַ קליין בענקעלע און זיך צוגעזעצט נעבן טאַטן. מיך האָט זי אַרויסגעשיקט אין גאַס „זיך שפּילן‟. שטילערהייט האָט זי מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זען אויפֿזוכן די „ממזרים‟ און זיי ברענגען צו שלעפּן — „שוין צײַט אָנקוקן, פֿאַר אַ גאַנצן טאָג, די שטוב‟.

~~~

אַז איך בין שוין צוריקגעקומען, איז שוין געווען גוט נאַכט. די ייִנגלעך זײַנען געשלאָפֿן, ווי געהרגעטע. נאָר דער טאַטע איז נאָך אַלץ געזעסן אין הויף אויפֿן נידעריקן בענקעלע און געשעפּט פֿרישע לופֿט, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין דער וואַנט. וויפֿל די מאַמע האָט אים ניט געטריבן שלאָפֿן, האָט ער ניט געוואָלט גיין.

— אַז איך וויל שוין גאָר נישט שלאָפֿן — האָט ער געטענהט — דער קאַפּאַטאַס אונדזערער זאָל אַזוי קענען עסן, ווי מיר גלוסט זיך שלאָפֿן. דו הערסט, מלכּה, דער קאַפּאַטאַס אונדזערער, אַ פֿײַער זוכט אים, אַז ער זעט, עס גייט אַוועק אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט, די מענטשן הייבן אָן אָפּצושטיין — די אויגן קלעפּן זיך, די הענט ווערן שווער און געשוואָלן ווי די קלעצער, די זאַלץ ברענט די הויט, ווי פֿײַער. און דאָ — די שטויסן פֿעלן ווילן ניט ווערן קלענער — ווערט ער ווי משוגע, דער ביטערער יונג. ער הייבט אָן אַרומצולויפֿן הין און הער, ווי אַ ווילדער. „מאַמעס‟ און „מאַמעס מאַמעס‟ — פֿלִיען איבער די קעפּ. שוואַרצע קאַווע און קאָניאַק גיסט מען אין אונדז ווי וואַסער. ער לויפֿט פֿון איינעם צום אַנדערן און „מונטערט‟ אונדז. ער זאָגט צו גאָלדענע גליקן. ער וועט העכערן און העכערן, און ווען מען ענדיקט נאָר דאָס זאַלצן — ווערט ער קאַלט ווי אײַז, פֿאַרגעסט אַלע זײַנע צוזאָגעכצן, פֿאַרשטייסט — ער ווערט אין גאַנצן מיט דיר אויס מחותּן. נישט ער זידלט דיך, נישט ער קען דיך אַפֿילו. הערסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, מלכּה? אַ ביטער שטיקל ברויט. זיך אָנגעהאָרעוועט צעזעצטערהייט. מיינסט וואָס? פֿאַרדינט אַ פּאָר פּעזעס. קיין גבֿירים וועט שוין פֿון אונדז, ווײַזט אויס, נישט ווערן. באַ, מען וועט זיך גיין לייגן. אפֿשר האָסטו מלכּה, עפּעס אַ שמירעכץ צו די הענט. זיי שמאַרצן מיר זייער.

די מאַמע האָט אים געגעבן עפּעס אַ קרעם, וואָס לאה שמירט מיט איר דאָס פּנים. אַליין איז זי אַרײַן אין קיכל מאַכן פֿאַר אים די טיי פֿון ליפּעווע צוויט. אפֿשר וועט דאָס אים העלפֿן אײַנשלאָפֿן. פֿון דאָרט האָט זי מיך אַ רוף געטאָן. מיר אײַנגערוימט — אויב דער טאַטע וועט פֿרעגן, זאָל איך זאָגן: לאה נעכטיקט הײַנט בײַ דער מומע רבֿקה. מיר האָט זי געהייסן זיך לייגן אין לאהס בעטל. אין אירע רייד האָב איך דערקענט, אַז זי איז זייער אין כּעס אויף לאהן. אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט זיך מיר געדוכט, — די מאַמע ווייסט אויף זיכער, ווּ לאה איז און פֿאַר וואָס זי קומט ניט.

מיר האָט שטאַרק וויי געטאָן דער קאָפּ. איך האָב זיך געלייגט שלאָפֿן. פֿאַרן אײַנשלאָפֿן האָב איך אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פֿון קישן און געזען: דאָס עלעקטרישע לעמפּל איז אַרומגעוויקלט מיט אַ צײַטונגס־פּאַפּיר, צוגעטשעפּעט מיט אַ קלעמערל פֿון דער וועש. דער טאַטע ליגט אין בעט — די מאַמע זיצט בײַם טיש, פּונקט אונטערן שײַן פֿונעם לעמפּל. דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט. איך הער ווי דורכן שלאָף: „...אַזאַ פּאַרשיווע מויד... קיין מאָל איר ניט געשטערט, איר אין וועג געשטאַנען... ווּ געוואָלט — געגאַנגען, וואָס געוואָלט — געטאָן. עסן האָט איר געפֿעלט? נעמען און אַוועק פֿון שטוב. אַפֿילו נעכטיקן נישט קומען...‟

וואָס אַ מאָל האָט זי גערעדט שטילער. כ׳וואָלט געשוואָרן — זי וויינט. פֿון בעט האָט זיך דערהערט אַ כראָפּ: דער טאַטע איז געשלאָפֿן.
~~~